אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.






## אמרות שמשון

## פרשת פקודי

### דער אויבערשטער ווארט צו באנייען די משכן אום חודש ניסן

***אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה*** *(לח, כא)*. רש"י ערקלערט אויפן ארט *(ד"ה המשכן)* פארוואס שטייט צוויי מאל דאס ווארט 'משכן' - רמז למקדש שנתמשכן בשני חורבנין על עונותיהן של ישראל. צו מרמז זיין אויף די צוויי בתי מקדשות וואס איז פאר'מַשְׁכּנ'ט געווארן צוליב די עבירות פון כלל ישראל *(מדרש שמות רבה נא, ג)*.

**עס** שטייט אין מדרש *(ילקוט מלכים רמז קפ"ד)*, די משכן איז שוין פארטיג געווארן כ"ה כסלו, אבער דער אויבערשטער האט געווארט צו באנייען די משכן ביז חודש ניסן, די חודש וואס יצחק אבינו איז געבוירן געווארן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק *(מ, יז)* ***וַיְהִי בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הוּקַם הַמִּשְׁכָּן.***

**מען** קען ערקלערן פארוואס האט דער אויבערשטער צוגעווארט ביז די חודש וואס יצחק איז געבוירן געווארן, לויט ווי עס שטייט אין חז"ל *(עיין שבת פט:)* אברהם און יעקב האלטן אז אויב כלל ישראל זענען עובר עבירות דארף מען זיי באשטראפן מיט מיתה, אבער יצחק האלט אז דער אויבערשטער דארף רחמנות אויף כלל ישראל. און דער אויבערשטער האט אנגענומען די ווערטער פון יצחק נישט צו אויס'הרג'ענען כלל ישראל, און האט אנשטאט דעם חרוב געמאכט די בית המקדש און פארטריבן די אידן אין גלות.

**דערמיט** פארשטייט מען פארוואס דער אויבערשטער האט צוגעווארט ביז חודש ניסן וואס איז די חודש וואס יצחק אבינו איז געבוירן געווארן, צו מרמז זיין אז דער אויבערשטער האט אנגענומען די טענה פון יצחק צו רחמנות האבן אויף כלל ישראל, און אזוי ווי עס איז טאקע מרומז אין די ווארט 'משכן' שנתמשכן בעונותיהם של ישראל, וואס עס וועט חרוב ווערן אנשטאט צו באשטראפן כלל ישראל, אזוי ווי די סברה פון יצחק אבינו. *(אות ד' ד"ה אבל)*

זרע שמשון
המבואר
על חמש המגילות
לקראת פסח
לומדים
שיר השירים
המבואר



תורמים
ורואים ישועות
אל תחמיצו!
02-80-80-500
347-496-5657
/https://www.zerashimshon.co.il/donation
הספר שמחולל פלאות.
אלפים נושעו בהבטחתו.

### דער אויבערשטער האט נישט צוריק גענומען די חכמה

***כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל הָעֲבֹדָה*** *(לט, מב)*. דער מדרש ברענגט *(שם)*, נאכדעם וואס שלמה המלך האט געענדיגט בויען די בית המקדש, זענען די ארבעטארער'ס נפטר געווארן. וויבאלד דער אויבערשטער האט נישט געוואלט די אומות העולם זאלן צווינגן די ארבעטארער'ס צו בויען פאר זיי פַּאלַאצן און בנינים, און זיי זאלן זיך גרויסן אז דאס איז געבויעט דורך די בויער'ס וואס האבן געבויעט די הייליגן בית המקדש.

**אזוי** ווי מען האט אויבן ערקלערט איז דאס געווען צוליב די אויסטערלישע חכמה און פארשטאנד וואס דער אויבערשטער האט געשאנקן פאר די ארבעטארער'ס, און נישט געוואלט די אומות העולם זאל זיך באנוצן מיט זייער חכמה.

**לכאורה** דארף מען פארשטיין, פארוואס האט זיי געדארפט שטארבן, דער אויבערשטער וואלט געקענט צוריקנעמען די חכמה וואס ער האט זיי געגעבן, אזוי קענען זיי בלייבן ווייטער לעבן.

**נאר** דער פשט איז, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל *(זבחים פג.)* 'כיון שעלה לא ירד', איינמאל א מענטש באקומט א גרויסקייט נעמט מען עס שוין נישט אוועק פון אים. נאך א פשט קען מען זאגן, אז פון דא לערנט מען ארויס אז אוועקנעמען א גרויסקייט פון א מענטש איז ערגער ווי שטארבן. *(ראה זוה"ק וילך רפ"ד ע"א, וראה עוד במדרש דברים רבה י, ט)*. *(אות ב' ד"ה ואין)*

### דורך די לערנען פון תלמידי חכמים ווערט פארמערט 'בנינו של עולם'

***וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת כָּל הַמְּלָאכָה וְהִנֵּה עָשׂוּ אֹתָהּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה ה' כֵּן עָשׂוּ וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה*** *(לט, מג)*. עס שטייט אין חז"ל *(שבת קיד.)*, 'בַּנָּאִין - אלו תלמידי חכמים, שעוסקין בבנינו של עולם כל ימיהן'. תלמידי חכמים ווערן אנגערופן בַּנָּאִין *(בויער'ס)*, ווייל זייערע גאנצע לעבן זענען זיי פארנומען 'בבנינו של עולם' *(זיי האלטן אונטער די וועלט מיט זייער תורה)*.

**לכאורה** אויב זענען זיי פארנומען 'בבנינו של עולם' *(די וועלט וואס איז שוין געבויעט געווארן, און זיי האלטן עס אונטער דורך זייער תורה)* וואלטן מען זיי ענדערש געדארפט אנרופן 'מקיימין', אז זיי

הוצאת הגליון
והפצתו לזכות

לעילוי נשמת
האשה החשובה
רבקה דינה ב"ר משה
יעקב ע"ה
נלב"ע ד' ניסן תשס"ב ת.נ.צ.ב.ה.
הוקדש ע"י בנה יונתן שמואל הי"ו
שיזכה להצלחה וברכה בכל הענינים

לעילוי נשמת
מוה"ר שמואל בן
מוה"ר אליעזר ז"ל
בהר
נלב"ע כ"ו אדר ב' ת.נ.צ.ב.ה.

הצלחה וברכה
צבי יצחק דוב
בן גיטל חיה
וזוגתו מרים סאבל
בת אסתר
שיזכו לכל הברכות של המחבר זי"ע
בקרוב ובניקל

הצלחה ועושר
אליאס בן אסתרייה
לברכה והצלחה בכל עסקיו
בלי גבול ובלי מדה

זיווגים הגונים
שרה שרון בת סופיה
יוכבד ג'ובנה
בת מירב תמר
שרה בת לינדה
שיזכו לזיווג הגון בקרוב ממש
מתוך אושר ושמחה שפע וברכה

שפע וזש"ק
יצחק בן רחל
וזוגתו
רינה בת לינדה
להיפקד בזש"ק ולרוב ברכה
ושפע בלי גבול ומדה

הצלחה מרובה
שאול בן רחל
לשפע ברכה עושר והצלחה גדולה
בעסקיו בלי דאגות ולחצים

לזכות ולברכה
להצלחת השותפים
התורמים
ומשפחותיהם
החפצים בעילום שמם
שיזכו לשפע ברכה והצלחה בני בריכי
חיי אריכי ומזוני רויחי נחת מכל יוצ"ח
זכות המחבר יגן בעדם אכי"ר

הצלחה ועושר
דניאל אורי
בן רג'ינה מלכה
לשפע ברכה והצלחה עושר וכבוד
ובשורות טובות בקרוב ממש

עושר ואושר
ברוך צבי ניסים
בן שושנה לאה
שיצליח בכל עסקיו ויהיה ברכה
ושפע רב בקרוב ממש מתוך
מנוחת הגוף
והנפש וימצא חן בעיני כולם

עושר ואושר
אשר אנשיל דוד
בן נילי
שיחזור בקרוב למצבו הראשון
ויזכה להצלחה מרובה עשירות ושפע
בלי גבול מתוך מנוחת הגוף והנפש
ויבשר בקרוב בשורות טובות

הצלחה וברכה
בנימין בן תמרה
שיסתדרו לו כל בעיות המס בעסק
בלי שום הפסדים ויהיה לו מנוחת
הנפש והצלחה גדולה בכל עסקיו

האלטן די וועלט דורך זייער תורה. וואס איז פשט זיי ווערן אנגערופן 'בנאין'?

**מען** קען ערקלערן לויט ווי עס שטייט אין חז"ל (מגילה כט.) 'עתידין בני כנסיות ובתי מדרשות שבחוץ לארץ שיקבעו ויתלשו בארץ ישראל'. לעתיד לבא וועלן די שולן אין חוץ לארץ ווי מען דאווענט און מען לערנט, ארויפגעפירט ווערן קיין ארץ ישראל.

**אויב** אזוי קומט אויס, ווען א תלמיד חכם בויעט זיך א צימער אדער א בית המדרש צו לערנען, ברענגט ער אריין א קדושה אין דעם צימער אדער אינעם בית המדרש אז לעתיד לבא זאל עס ווערן ארויפגענומען קיין ארץ ישראל. קומט אויס אז דורך דער תלמיד חכם, ווערט פארמערט נאך א שטיקל צו בנין ארץ ישראל. דערמיט פארשטייט מען פארוואס זיי ווערן אנגערופן 'בנאין', ווייל דורכדעם וואס זיי לערנען בויען זיי צו נאך א שטיקל, צו די 'בנינו של עולם' וואס דאס איז ארץ ישראל. (אות ב' ד"ה ובדרך)

## פרשת החודש

### דער אויבערשטער באַפּעלט כלל ישראל מיט פרשת החודש • חדשים זענען געוואָנדן אין די לבנה • צוועלף צירופי שמות הוי"ה לויט צוועלף חדשים פון יאָר

***הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה*** **(שמות יב, ב)**: פארוואס האט דער אויבערשטער געדאַרפט באַפּעלן כלל ישראל מיט 'פרשת החודש' איידער די אידן זענען ארויס פון מצרים?

**איך** דארף מען פאַרשטיין פשט אינעם לשון הפסוק ***הַחֹדֶשׁ הַזֶּה***, וואס וויל די תורה דריקן מיט די ווערטער '***הזה***'?

**אין** אמת'ן אריין, די 'גמרא' אין מסכת ראש השנה (דף כ.), לערנט שוין ארויס פונעם פסוק החודש '***הזה***' - ***כזה ראה וקדש***, דער אויבערשטער האט געוויזן פאר משה רבינו געניי דאס אויסזען און געשטעלט פון די לבנה וואס מ'קען מקדש זיין.

◆ ◆ ◆

**אבער** מען קען צולייגן, לויט ווי עס שטייט אין 'משנה' (מסכת עדיות פרק ב' משנה י'), דער משפט פון די מצרים איז געווען לאַנג 'צוועלף חדשים'.

**און** עס ווערט געברענגט אין 'מדרש' (שמו"ר ט, יב), יעדע מכה האט געדויערט א פערטל חודש, און דאס איבעריגע דריי פערטל פונעם חודש איז געווען פאר התרָאה, צו אָנוואָרנען פרעה אויף די מכות וואס גייען קומען.

**לויט** דער מדרש קומט אויס, די צייט פון די מכות האט געדויערט בלויז צען חדשים, לויט די צאָל פון די מכות, (יעדע חודש א מכה). און דאס שטימט נישט מיטן אויבנדערמאנטן משנה אז די מכות האָבן גענומען גאנצע צוועלף חדשים.

**דער** 'מהרש"א' אין מסכת ראש השנה (דף יא.), ענטפערט אז ס'קען זיין אז עס איז געווען געוויסע טעג צווישן די מכות וואס ס'איז נישט געווען קיין מכות און נישט קיין התרָאות. אזוי אז די גאנצע תקופה פון אָנהייב ביז ענדע פון אלע מכות האט געדויערט צוועלף חדשים.

**אבער** דאס דארף מען פארשטיין, פארוואָס האט אויסגעפעלט צו מאכן הפסקות צווישן די מכות? פארוואס איז דאס נישט געווען איינס נאכן צווייטן פאר צען חדשים און א צ'?

**מען** קען ענטפערן, עס האט ספעציעל אויסגעפעלט אז די צייט פון די מכות זאל זיין אויסגעשפרייט דורכאויס צוועלף חדשים, וויבאלד פרעה הרשע האט געלייקנט אינעם אויבערשטער און אין זיין נאמען - די שם הוי"ה, וואס די שם הוי"ה טוט אָנצייגן אז דער אויבערשטער איז דער וואס האט באשאפן און פירט די גאנצע וועלט.

**פרעה** האט געהאלטן אז די וועלט איז באשאפן געווארן און ווערט געפירט דורך מזלות און שטערנ'ס, דעריבער האט דער אויבערשטער געוואָלט אז די מכות זאל נעמען גאנצע צוועלף חדשים, כדי פרעה זאל זיך נישט קענען איינרעדן אז אויב וואלט דאס געווען אין א געוויסע חודש וואלט די מזל פונעם חודש אים באַשיצט, דעריבער איז די מכות געקומען, דורכאויס צוועלף חדשים אַנטקעגן די צוועלף מזלות.

**אזוי** אויך איז צוועלף חדשים פון מכות מרמז אנטקעגן דעם וואס פרעה האט געפייניגט צוועלף שבטים וואס זענען געגליכן צו די שטערנ'ס און מזלות.

**צוגאָב** צו דעם, איז דאס מרמז אויף די י"ב צירופי הוי"ה ברוך הוא, (צוועלף וועגן ווי אזוי מען קען ארויסשרייבן די הייליגע שם הוי"ה, י-הוה י-והה י-ההו או"ו). וואס יעדע חודש רוט א צווייטן שם הק' אויף די וועלט (פרע"ח ש"ט פ"ג, ועיין בני יששכר מאמרי חודש ניסן ריש מאמר א'), דעריבער האט פרעה געכאפט מכות פאר צוועלף חדשים מיט אלע צירופי שמות הוי"ה.

◆ ◆ ◆

**וויבאלד** די צוועלף צירופי שם הוי"ה ברוך הוא זענען אויסגעשטעלט לויט די חדשים פון די לבנה, דעריבער האט דער אויבערשטער באפולן כלל ישראל מיטן פרשת החודש און זיי באפולן צו ציילן די חדשים לויט די לבנה וואס טוט אָנצייגן אויף י"ב צירופי שם הוי"ה.

**און** דערביי האט דער אויבערשטער געזאגט: '***החודש הזה לכם***' אָט די חודש וואס איך גיבט אייך וואס מען ציילט מיט די לבנה (נישט לויט די זון), דאס גיבט איך פאר ענק און נישט פאר די אומות העולם.

**וויבאלד** די לבנה ווערט נתחדש יעדע חודש פון דאָסניי, און ווען א מענטש זעט די לבנה טוט דאס אים ציַיגן אויף חידוש העולם, און אמונה אינעם באשעפער וועלכע וואס פירט די גאנצע וועלט.

**און** ווען דער מענטש וועט אריינטראכטן אין דעם, וועט ער פארשטיין, אזוי ווי דער אויבערשטער טוט באנייען די לבנה יעדן איינציגסטע חודש, דאס זעלבע טוט דער אויבערשטער שטענדיג באנייען די וועלט און טוט דאס פירן.

**אזוי** ווי עס ווערט געברענגט אין 'רבינו בחיי' (שמות יב, ב), וזה לשונו, ***וידוע כי כשיראה האדם הלבנה בחדושה ומברך עליה, הנה הוא מעיד על חדוש העולם שהוא עיקר האמונה, ומודה על אלוקותו של יוצר בראשית שחדש העולם כשם שמחדש הלבנה בכל חדש וחדש.***

און דאס איז פונקט פארקערט פון וואס פרעה הרשע האט געוואָלט פאַרלייקענען. (פרשת בא אות ו')

ניַע נאָמבער
קול זרע שמשון
פאַר אידיש דרוקט 2
ארץ ישראל 02-80-80-400
ארה"ב 605-313-9610
לונדון 333-070-6534
• שיעורים • סיפורי ישועות
• נייעס און אפדעיט'ס •
שמעו ותחי נפשכם
פאר טעגליכע דרשות און שיעורים:
לשוה"ק: 1-4 אידיש: 2-5
ענגליש: 3-1 פאר אינהאלטסרייכע
אינטערוויוס 1-1-5

**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com
אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברבערג: 052-716-6450 www.zerashimshon.com
**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדען
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון
כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120

**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**